**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/25/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אפליקאציע פעריאד אפן פאר 250 מיליאן דאלערדיגע קאָוויד-19 קאפיטאל קאסטן שטייער קרעדיט פראגראם**

***קלענערע ביזנעסער מיט 100 אדער ווייניגער ארבעטער קענען מעגליך באקומען שטייער קרעדיט פאר געזאמלטע קאסטן פון העכערן קאָוויד-19 זיכערהייט***

***אונטערזוכונג מיטלען צו באקומען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האוקול האט אויסגעמאלדן אז אפליקאציעס ווערן יעצט אנגענומען פון קלענערע ביזנעסער וועלכע האבן ערפאלגרייך געענדיגט דעם [פרי-סקרינינג פראצעס](#) אויף צו ווערן סערטיפייד פאר דעם ׳קאָוויד-19 קאפיטאל קאסטן טעקס-קרעדיט פראגראם׳, וואס שטיצט פירמעס וועלכע האבן אינוועסטירט אויף אויסצופאלגן די עמערדזשענסי באפעלן און רעגולאציעס אדער צו העכערן פובליק זיכערהייט אין אפרוף צו קאָוויד-19.

״ווען די פאנדעמיע האט שוידערליך באטראפן די איינקונפט פון רוב קלענערע ביזנעסער לענגאויס ניו יארק סטעיט, האב איך צוגעזאגט זיי צו געבן א האנט מיט הילף פון סאמע ערשטן טאג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער שטייער קרעדיט וועט זיין א קריטיש-וויכטיגע לעבנס-ליניע פאר ניו יארקער ביזנעסער — דער רוקנביין פון אונזער סטעיט׳ס עקאנאמיע — און איך מוטיג אלע וועלכע זענען פאראינטערעסירט זיך צו ווענדן פאר די העכסט-נייטיגע הילף.״

אויסגעמאלדן אלס טייל פון גאווערנער האוקול׳ס ערשטע עקזעקיוטיוו בודזשעט כדי צו פארבעסערן דעם סטעיט׳ס שטיצע פאר קלענערע ביזנעסער, און דערנאך אריינגערעכנט אין דעם 23FY דורכגעפירטן בודזשעט, צילט דער נייער ריפאָנדעבל שטייער פארלייכטערונג פראגראם אויף הוצאות פארבינדן מיט קאָוויד-19 אויף צו לינדערן די אנשטעקיגקייט פון דעם קרענק במשך 2021 און 2022. בארעכטיגטע קאָוויד-19 פארבינדענע הוצאות רעכענען אריין, אבער נישט אויסשליסליך:

- סופלייס צו דיסאינפעקטירן אדער באשיצן קעגן קאָוויד-19 טראנסמיסיע
- הוצאות פארבינדן מיט פארברייטערן אדער צו באשטימען פלאץ צו אקאמאדירן סאציעלע אפזונדערונג
- HVAC אויסריכטונגען
- הוצאות פארבינדן מיט מער אפנלופטיגע אקטיוויטעטן און אינדרויסנדיגע פלאץ פארברייטערונגען
- מאשינען און געצייג אויף צו ערמעגליכן קאנטאקטלאזע פארקויפן

שטייער קרעדיט וועט דעקן 50 פראצענט פון בארעכטיגטע קאסטן, ביז 50,000 דאלער, פאר א מאקסימום שטייער קרעדיט געשאנק פון 25,000 דאלער, און קרעדיטס וועלן געשאנקען ווערן לויט ווער

עס קומט אן ערשט ביז אלע פראגראם געלטער ווערן אויסגעגעבן. בארעכטיגטע ביזנעסער מוזן אפערירן א לאקאציע אין ניו יארק סטעיט, האבן 100 אדער ווייניגער ארבעטער, 2.5 מיליאן דאלער אדער ווייניגער פון גראָס איינקונפטן אין דעם 2021 שטייער יאר, און ווייניגסטנס 2,000 דאלער אין בארעכטיגטע קאסטן צווישן יאנואר 1, 2021, און דעצעמבער 31, 2022.

אפליקאציעס וועלן אנגענומען ווערן ביז אפריל 31, 2023. אויף צו באקומען א שטייער קרעדיט פאר זייער 2022 טעקס ריטורן, דארפן ביזנעסער זיך באלד ווענדן צו באקומען א שטייער קרעדיט סערטיפיקאט פון 'עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט' (ESD) ביז דעצעמבער 31, 2022. שטייער קרעדיטס ארויסגעגעבן פון יאנואר 1, 2023, און ווייטער קענען ווערן געפאדערט אויף א ביזנעס'ס 2023 טעקס ריטורן. אויף געוואויער צו ווערן מער איבער בארעכטיגקייט און קוואליפיצירטע הוצאות, באזוכט [www.esd.ny.gov/covid-19-capital-costs-tax-credit](http://www.esd.ny.gov/covid-19-capital-costs-tax-credit). ESD האט קאנטראקטירט מיט'ן 'פאָרווערד' (FORWARD) פלאטפארמע אויף אונטערצוזוכן ביזנעס אפליקאציעס, פארגילטיגן הוצאות און אויסטיילן קרעדיטס פאר דעם פראגראם.

דער 'קאָוויד-19 קאפיטאל קאסטן טעקס קרעדיט' איז א טייל פון גאווערנער האוקול'ס מיסיע אויף צו שטיצן קלענערע ביזנעסער באטראפן דורך דער פאנדעמיע. איבער 1 ביליאן דאלער זענען געצילט געווארן פאר קלענערע ביזנעס ערהוילונג אין גאווערנער האוקול'ס ערשטן בודזשעט, אריינגערעכנט דעם 250 מיליאן דאלערדיגן 'קאָוויד-19 קאפיטאל קאסטן טעקס קרעדיט', דער 800 מיליאן דאלערדיגע פאנדעמיע קלענערע ביזנעס ערהוילונג גרענט פראגראם און דעם ערשט-אין-לאנד 200 מיליאן דאלערדיגע 'אנהייב-קאפיטאל פינאנצירונג גרענט פראגראם' אויף צו שטיצן אנהייב-פאזע, קלענערע און גאר קליינע ביזנעסער וועלכע האבן זיך געעפנט בעפאר אדער במשך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע.

**'עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט' פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** "פאר קיין שום אייגן שולד האבן ביזנעסער לענגאויס דעם סטעיט געמוזט צאלן פאר פילע הוצאות וועלכע זענען נייטיג געווען צו האלטן זייערע ארבעטער און קאסטומערס אפגעהיטן, אבער האבן עס נישט ערווארטעט אדער איינגעשטעלט אין בודזשעט דערפאר. אונטער גאווערנער האוקול'ס פירערשאפט, וועט דער 'קאָוויד-19 קאפיטאל קאסטן טעקס-קרעדיט פראגראם' העלפן פארלייכטערן דעם עול וואס דער ביזנעס קאמיוניטי האט זיך אנגעשאפן במשך דער פאנדעמיע און עס העלפן שטאנדהאפטיג זיך צוריק שטעלן אויף די פיס."

אויסגעמאלדן אלס טייל פון גאווערנער האוקול'ס ערשטע עקזעקיוטיוו בודזשעט כדי צו פארבעסערן דעם סטעיט'ס שטיצע פאר קלענערע ביזנעסער, און דערנאך אריינגערעכנט אין דעם 23FY דורכגעפירטן בודזשעט, צילט דער נייער ריפאָנדעבל שטייער פארלייכטערונג פראגראם אויף הוצאות פארבינדן מיט קאָוויד-19 אויף צו לינדערן די אנשטעקיגקייט פון דעם קרענק במשך 2021 און 2022. בארעכטיגטע קאָוויד-19 פארבינדענע הוצאות רעכענען אריין, אבער נישט אויסשליסליך:

- סופלייס צו דיסאינפעקטירן אדער באשיצן קעגן קאָוויד-19 טראנסמיסיע
- הוצאות פארבינדן מיט פארברייטערן אדער צו באשטימען פלאץ צו אקאמאדירן סאציעלע אפזונדערונג
- HVAC אויסריכטונגען
- הוצאות פארבינדן מיט מער אפנלופטיגע אקטיוויטעטן און אינדרויסנדיגע פלאץ פארברייטערונגען
- מאשינען און געצייג אויף צו ערמעגליכן קאנטאקטלאזע פארקויפן

שטייער קרעדיט וועט דעקן 50 פראצענט פון בארעכטיגטע קאסטן, ביז 50,000 דאלער, פאר א מאקסימום שטייער קרעדיט געשאנק פון 25,000 דאלער, און קרעדיטס וועלן געשאנקען ווערן לויט ווער

עס קומט אן ערשט ביז אלע פראגראם געלטער ווערן אויסגעגעבן. בארעכטיגטע ביזנעסער מוזן אפערירן א לאקאציע אין ניו יארק סטעיט, האבן 100 אדער ווייניגער ארבעטער, 2.5 מיליאן דאלער אדער ווייניגער פון גראָוס איינקונפטן אין דעם 2021 שטייער יאר, און ווייניגסטנס 2,000 דאלער אין בארעכטיגטע קאסטן צווישן יאנואר 1, 2021, און דעצעמבער 31, 2022.

אפליקאציעס וועלן אנגענומען ווערן ביז אפריל 31, 2023. אויף צו באקומען א שטייער קרעדיט פאר זייער 2022 טעקס ריטורן, דארפן ביזנעסער זיך באלד ווענדן צו באקומען א שטייער קרעדיט סערטיפיקאט פון ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ (ESD) ביז דעצעמבער 31, 2022. שטייער קרעדיטס ארויסגעגעבן פון יאנואר 1, 2023, און ווייטער קענען ווערן געפאדערט אויף א ביזנעס׳ס 2023 טעקס ריטורן. אויף געוואויער צו ווערן מער איבער בארעכטיגקייט און קוואליפיצירטע הוצאות, באזוכט [www.esd.ny.gov/covid-19-capital-costs-tax-credit](https://www.esd.ny.gov/covid-19-capital-costs-tax-credit). ESD האט קאנטראקטירט מיט׳ן ׳פאָרווערד׳ (FORWARD) פלאטפארמע אויף אונטערצוזוכן ביזנעס אפליקאציעס, פארגילטיגן הוצאות און אויסטיילן קרעדיטס פאר דעם פראגראם.

דער ׳קאָוויד-19 קאפיטאל קאסטן טעקס קרעדיט׳ איז א טייל פון גאווערנער האוקול׳ס מיסיע אויף צו שטיצן קלענערע ביזנעסער באטראפן דורך דער פאנדעמיע. איבער 1 ביליאן דאלער זענען געצילט געווארן פאר קלענערע ביזנעס ערהוילונג אין גאווערנער האוקול׳ס ערשטן בודזשעט, אריינגערעכנט דעם 250 מיליאן דאלערדיגן ׳קאָוויד-19 קאפיטאל קאסטן טעקס קרעדיט׳, דער 800 מיליאן דאלערדיגע פאנדעמיע קלענערע ביזנעס ערהוילונג גרענט פראגראם און דעם ערשט-אין-לאנד 200 מיליאן דאלערדיגע ׳אנהייב-קאפיטאל פינאנצירונג גרענט פראגראם׳ אויף צו שטיצן אנהייב-פאזע, קלענערע און גאר קליינע ביזנעסער וועלכע האבן זיך געעפנט בעפאר אדער במשך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע.

**סטעיט סענאטארקע אנא קאפלאן האט געזאגט,** ״קלענערע ביזנעסער האבן געמוזט זיך אנצוזאמלען באדייטנדע הוצאות זיך צוריק אויפצועפענען זיכערערהייט דורכאויס דער פאנדעמיע, און אזוי ווי יענע קאסטן טוען ווייטער שטייגן, דארפן זיי אונזער שטיצע נאך מער ווי אלעמאל. איך בין שטאלץ געווען צו ספאנסירן דעם ׳קאָוויד-19 קאפיטאל קאסטן טעקס-קרעדיט פראגראם׳, וואס וועט העלפן פארקלענערן די פינאנציעלע תוצאות באטראפן קלענערע ביזנעס אייגנטימער ביים באמיען זיך צו האלטן זיכער און בלייבן אפן, און איך מוטיג יעדע קלענערע ביזנעס אייגנטימער אויסצוגעפונען צי זיי זענען בארעכטיגט דערפאר און זיך באלד ווענדן פאר פארלייכטערונג.״

**אסעמבלימאן אל סטירפע האט געזאגט,** ״אלס פארזיצער פון דער ׳אסעמבלי קלענערע ביזנעס קאמיטע׳ איז עס שטענדיג געווען א הויפט ציל מיינער ארויסצוהעלפן ארטיגע ענטערפענורס אויף סיי וואספארא אופן מעגליך ווייל איך ווייס וואספארא מי עס פארלאנגט, טאג איין טאג אויס, אויף צו האלטן די לעקטער אנגעצינדן. קלענערע ביזנעסער זענען 98 פראצענט פון אלע ביזנעסער אין ניו יארק סטעיט און יענע אייגנטימער באשעפטיגן 53 פראצענט פון דעם ארבעטסקראפט. זיי זענען די ברענשטאף פון אונזער עקאנאמישן מאטאר און מיר מוזן זיי ווייטער שטיצן אזוי ווי אומערווארטעטע זיכערהייט קאסטן, וועלכע האבן אריינגענומען אלעס פון אינדרויסנדיגע סערוויס ערטער ביז נייע HVAC סיסטעמען, האבן זי שווער באטראפן. אזוי ווי זיי האבן פון זיך אוועקגעגעבן אויף צו סערווירן אונזערע קאמיוניטיס, מוזן מיר זיי העלפן זיך פולקאם ערהוילן פון דער פאנדעמיע. דאס עפענען דעם ׳קאָוויד-19 קאפיטאל קאסטן טעקס-קרעדיט פראגראם׳ אפליקאציעס איז די שטיצע וואס קלענערע ביזנעס אייגנטימער ערווארטן פון ניו יארק סטעיט. לאמיר אלע זיך אומקערן צו דער ארבעט!״

**איבער FORWARD פלאטפארמע**

דער FORWARD פלאטפארמע איז דער פירנדער ברייט-ארומנעמנדער אינטעגרירטע פראגראם אדמיניסטראציע לייזונגס-מיטל פאר סטעיט און ארטיגע רעגירונגען איבער גאנץ אמעריקע.

FORWARD מאדערניזירט די רעגירונג׳ס צוגאנג צו אנפירן פראגראמען דורך איינגלידערן אלע נייטיגע סערוויסעס, באשטאנדטיילן, מענטשן, און טעכנאלאגיע אין אן איינציגע, גלאטע, זיכערע לייזונגס-מיטל. פון אויפשטעלן דעם הינטערשטן טייל פון דער אפליקאציע, קאמיוניטי פארבינדונג, מארקעטינג, שטיצע אין מערערע שפראכן בארעכטיגקייט אונטערזוכן, שווינדלעריי דערשפירן און אויסטייל ביזן באריכטן. FORWARD פלאטפארמע טיילט אויס רעסאָרסן נאך שנעלער ווי סיי ווען פריער און גלייכצייטיג אויך פארמינערן אפפאל, שווינדלעריי און אדמיניסטראציע קאסטן. FORWARD האט שוין ארויסגעהאלפן רעגירונגען אנפירן צענדליגע פראגראמען אויף צו זען עס זאלן אנקומען רעסאָרסן צו הויזגעזינדער און ביזנעסער אויף גיך, ביליג, און זיכערערהייט. אויף זיך צו לערנען מער, באזוכט [www.forwardplatform.com](http://www.forwardplatform.com) .

**איבער ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״**

׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ (ESD) איז ניו יארק׳ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך דער הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען איבער די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון ״איי לאָוו ניו יארק״, דער סטעיט׳ס איקאנישער טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, ביטע באזוכט [www.regionalcouncils.ny.gov](http://www.regionalcouncils.ny.gov) און [www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418